**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/16/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מעלדט אז אפליקאציעס זענען יעצט אפן פאר איינקונפט בארעכטיגטע הײמאײגנטומער זיך אנצוגעבן פאר עמערדשענסי פאררױכטונג גרענטס פאר יולי און אוגוסט עקסטרעמע וועטער געשעענישן**

***בארעכטיגטע הײמאײגנטומער קענען זיך אנגעבן פון טשאטאוקוא, מאדיסאן, עריע, אנעידא, עסעקס, סאראטאגא, לואיס און ווארען קאונטיס פאר יולי 10 - 16, 2024 שווערע וועטער געשעענישן***

***בארעכטיגטע הײמאײגנטומערס קענען זיך אנגעבן פון אלעגאני, אסוועגא, דעלאווער, סט. לאורענס, פרענקלין, סטויבען און דשעפערסאן קאונטיס פאר אוגוסט 9 - 10, 2024 איבערבלייבענישן פון טראפישע שטורעם דעבי***

***בארעכטיגטע הײמאײגנטומער קענען זיך אנגעבן פון נאסאו און סופאלק קאונטיס פאר אוגוסט 18- 19, 2024 שווערע וועטער געשעענישן***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז אפליקאציעס זענען יעצט צו באקומען פאר איינקונפט בארעכטיגטע הײמאײגנטומערס באטראפן פון שווערע שטורעמס און פארפלייצונג וואס איז פארגעקומען אין ניו יארק סטעיט אין יולי און אוגוסט 2024. אונטער די פראגראם, צוגעשטעלט דורך הייזער און געמיינדע באנייאונג (Homes and Community Renewal HCR), עמערדשענסי היים פאררױכטונג הילף קען זיין צו באקומען פאר באטראפענע הײמאײגנטומערס וואס וואוינען אין די באטראפענע קאונטיס דא דערמאנט. פינאנצירונג ביז צו $50,000 קען ווערן גענוצט פאר עמערדשענסי האוזינג פאררױכטונגען נויטיג צו מאכן די הויז פארזיכערט, סאניטעריש און וואוינבאר. געלטער פארן פראגראם וועלן ווערן פארטיילט אין די סדר וואס זיי קומען אריין ביז די געלטער ווערן אויסגענוצט. אפליקאציעס וועלן ווערן אנגענומען ביז אקטאבער 7, 2024.

"נאך וואס עקסטרעמע וועטער אינצידענטן האבן געשאפן גרויסע שאדנס דורכאויס ניו יארק סטעיט, שטעלן מיר צו עמערדשענסי הילף פאר געטראפענע איינוואוינער צו מאכן נויטיגע פאררױכטונגען צו פארזיכערן אז זייערע הייזער זענען פארזיכערט און וואוינבאר," **האט גאווארנער האקול געזאגט**, "מיין אדמיניסטראציע בלייבט איבערגעגעבן צגעשעענישן העלפן הײמאײגנטומערס באטראפן פון די שטורעמס אז זיי זאלן זיך קענען ערהוילן פון די פארניכטנדע שטורעמס."

**HCR קאמישענער רוטאננא וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "ווען ניו יארק ערהוילט זיך ווייטער פון די שאדן געשען דורך די זומער שטורעמס, שטייען מיר גרייט צו העלפן בארעכטיגטע הײמאײגנטומערס וואס פרובירן צו מאכן זייערע הייזער פארזיכערט און וואוינבער. א דאנק גאווארנער האקול און אונזער געמיינדע פארטנערס, קוקן מיר ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע פארטנערס און לאקאלע געמיינדעס ווען הײמאײגנטומער בויען איבער און פאררעכטן."

געלטער זענען צו באקומען פאר בארעכטיגטע היימאייגנטומערס פאר זייער ערשטע וואוינארט וואו פארפלייצונג אדער אינשורנס דעקונג אדער אנדערע וועגן פון דיזעסטער ערהוילונג געלטער זענען נישט גענוג צוריקצושטעלן די הויז צו א פארזיכערטע און וואוינבארע שטאנד. די פראגראם וועט ווערן צוגעשטעלט דורך נאן-פראפיט ארגאניזאציעס און סערווירן די פאלגנדע קאונטיס:

**יולי 10 - 16, 2024 שווערע וועטער געשעענישן:** בארעכטיגטע קאונטיס - טשאטאוקוא, מאדיסאן, עריע, אנעידא, עסעקס, סאראטאגא, לואיס, ווארען

**אויגוסט 9 - 10, 2024 שווערע וועטער געשעענישן:** בארעכטיגטע קאונטיס - אלעגאני, אסוועגא, דעלאווער, סט. לאורענס, פרענקלין, סטויבען, דשעפערסאן

**אויגוסט 18 - 19, 2024 שווערע וועטער געשעענישן:** בארעכטיגטע קאונטיס - נאסאו און סופאלק

מער אינפארמאציע אויף די פראגראם, אריינרעכנענדיג ריכטליניעס, אדמיניסטראטארס און איינקונפט פארלאנגען איז צו באקומען דורך שטורעם אויף oHCR וועבזייטל. היימאייגנטומערס וואס האבן שוין פון פריער אויסגעפילט די אנליין היימאייגנטומער אויספרעג פארם וועלן ווערן קאנטאקטירט דורך זייער רעספעקטיווע אדמיניסטראטאר.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336



זיך ארויסשרייבן